# כח היחיד

אן איינצלנער מענטש
מיט א געדאנק - ביז א
רעוואלוציע אין דער וועלט

# אדאפט-א-כולל

"איך וויל וויסן צי איך קען אויפגעבן אויף מיין קאווע און אנשטאט וועל איך נעמען מילך פאר די סיריעל וואס איך עס פאר פרישטאג?"

אט דאס איז די תמימות'דיגע פראגע וואס האט געברענגט די אנטוויקלונג פון דער "אדאפט-א-כולל" ארגאניזאציע.

עס איז דא א פראמינענטע ביזנעס אין אמעריקע וואס האלט אויף אן אפיס אין ארץ ישראל, מיטן ציל צו געבן א געהאלט פאר בני תורה וואס זיי זיצן אין לערנען, דורכדעם וואס זייערע פרוויען האבן א גוטע שטעלע אין דעם אפיס פון וואו זיי ברענגען פרנסה אין שטוב.

אין יאר תשע"ג, אין די טעג פון עשרת ימי תשובה, באקומט דער אויפזעער פון דעם אפיס אין ארץ ישראל אן אימעיל פון איינער פון די ארבעטערינס מיט א פראגע, אז אזויווי זי קען זיך נישט ערלויבן צו קויפן מילך אינדערהיים, וויל זי וויסן אויב זי קען ברענגען יעדן טאג אין ארבעט א טעלער סיריעל וואס זי עסט פאר פרישטאג און נעמען פון דער מילך וואס איז צוגעשטעלט אין דער ארבעט פאר דער קאווע, און אנשטאט דעם וועט זי נישט נעמען קיין קאווע דורכאויס דעם טאג אין ארבעט.

דער אויפזעער האט ווייטער געשיקט דעם אימעיל צו דעם בעל הבית פון דער ביזנעס אין אמעריקע, און ווי נאר דער בעל הבית האט געזען דעם אימעיל האט אים עס צעשאקלט ביז גאר, און ער האט נישט געקענט צוזיך קומען; ער האט נישט גע'חלומ'ט ווי ווייט עס גייט דער מצב פון דעם שרעקליכן עניות און דחקות אין וואס טויזנטער בני תורה געפינען זיך אין ארץ ישראל.

ער האט זיך ארומגעדרייט עטליכע טעג אינגאנצן אויפגעשוידערט, און ער האט געוואוסט אז עפעס מוז געטון ווערן דראסטיש ארויסצוהעלפן די געהויבענע בני תורה פון ארץ ישראל. ער האט נישט געקענט שלאפן ביינאכט און ער האט זיך א גאנצן טאג ארומגעדרייט מיט דער איינער דאגה: וואס קען מען טון דא אין אמעריקע פאר די יונגעלייט און משפחות אין ארץ ישראל וועלכע הארעוועון על התורה ועל העבודה? נאך עטליכע טעג איז אים ארויפגעקומען אויפן געדאנק א וועקצושטעלן א פראגראם וועלכע וועט צוזאמשטעלן קהילות אין אמעריקע מיט כוללים אין ארץ ישראל. דאס הייסט, אז קהילות וועלן זיך צוזאמשטעלן מיט א כולל אין ארץ ישראל וואס זיי וועלן ווערן ווי שותפים דורכדעם וואס זיי וועלן שיקן יעדן חודש געלט פאר דעם כולל, און דער כולל מיט דער קהילה וועלן ווערן ווי צוויי ברידער אין אלע הינזיכטן מיט א נאנטן קשר.

דער גרויסער אויפטו פון דעם איז, אז אנשטאט אויסצוקוועטשן נאך אפאר דאלאר פון די גרויסע גבירים וואס מען האלט אינאיין בעטן פון זיי נדבות, איז מען דא אויפגעקומען מיט א מהלך ווי אזוי צו קענען צוזאמנעמען קלענערע נדבות פון דעם ברייטן ציבור און עס צוזאמשטעלן צו גרויסע סכומים דורך פרוטה פרוטה מצטרפת.

דער חשוב'ער בעל הבית פון דער ביזנעס איז ארומגעגאנגען צו איבער צוואנציג רבנים פארצושטעלן זיין געדאנק און הערן פון זיי זייער דעת תורה און פראקטישן בליק דערויף. אלע רבנים זענען געווען איינשטימיג און גאר ווארעם צו דעם געדאנק, און זיי האבן זיך אנגעטראגן צו פרובירן צו רעדן צו זייערע קהילה מיטגלידער אז זיי זאלן זיך איינשפאנען אין דעם פראגראם אויב עס ארבעט זיך טאקע אויס מן הכח אל הפועל.

נאכדעם וואס מען האט געזען אז דער געדאנק האט די ברייטע שטיצע פון אסאך רבנים וואס דינען ברבנות אין פארשידענע קהילות פון אלע סארטן קרייזן, איז עס געלאזט געווארן אין גאנג. די רבנים וואס האבן געהאט די זכי' צו זיין פון די נחשונים האבן אויפגעטראטן ביי זיי אין בית מדרש און אפעלירט ביים ציבור אז די קהילה זאל אנטיילנעמען אין דעם געוואלדיגן זכות פון שטיצן בני תורה אין ארץ ישראל אויף א קביעות'דיגן פארנעם.

Adopt-a-Kollel

די רבנים אליין האבן נישט געהאט געגלייבט ווי ווייט די ציבור וועט איינגיין אויף דעם געדאנק. למעשה האט עס דער ציבור אנגענומען זייער ווארעם און די בני הקהילה זענען געווען גרייט דערפאר. פון דארט און ווייטער האבן מער און מער קהילות זיך אנגעשלאסן דערין, און די רעשט איז היסטאריע.

דער וועג ווי אזוי עס ארבעט איז, אז ווען א קהילה מעלדט איין אז זיי ווילן אויך נעמען א חלק און שליסן א שותפות מיט א כולל אין ארץ ישראל, גיבט מען זיי די מעגליכקייט אויסצואוועלן א כולל וואס איז זיי נאנט צום הארץ וועמען זיי ווילן נעמען אלס א שותף. אין די אפיסעס פון "אדאפט-א-כולל" איז דא דעטאלירטע אינפארמאציע פון די כוללים אין ארץ ישראל איבער ווי גרויס דער כולל איז און איבער זיין סטאנדארט, און אזוי האבן די קהילות די

> אזוויי זי קען זיך נישט ערלויבן צו קויפן מילך אינדערהיים, ווייל זי וויסן אויב זי קען ברענגען יעדן טאג אין ארבעט א טעלער סיריעל און נעמען פון דער מילך וואס איז צוגעשטעלט אין דער ארבעט


**שלום ווייס**
845.200.3313 #107





**ביי האדמו"ר מסאטמאר שליט"א**

פונקטליכע דעטאלן פון דעם כולל וואס זיי ווילן נעמען אלס שותף.

נאכדעם וואס די קהילה וועלט אויס א כולל, ארבעט מען אויס אין די אפיסעס פון אדאפט-א-כולל א קאמפיין סטראטעגיע וואס וועט רעדן ספעציפיש צו דער קהילה, און מען ארانזשירט א מסיבה, וואס אמאל וועט דאס פארקומען אויף א פארמאט פון א קידוש שבת צופרי, און צומאל אויף א פארנעם פון א מלוה מלכה, צי א ליל שישי, אדער א פרישטאג. יעדע קהילה איז מחליט וויאזוי עס וועט דאס בעסטע ארבעטן פאר זיי.

די אלע אויסגאבן פון דעם קאמפיין און דער מסיבה גייט אויף די קאסטן פון אפאר חשוב'ע בעלי בתים וואס זיי צאלן אויס די זייטיגע קאסטנס פון דער ארגאניזאציע. אזוי אז יעדעס דאלאר וואס קומט פון דער קהילה זאל גיין דירעקט צו דעם כולל מיט וועם זיי האבן א שותפות.

ביי דעם "מסיבת ההתייסדות" וואס קומט פאָר אין דער קהילה, פרעזענטירט מען דעם כולל מיט וואס זיי ווערן אנגעשלאסן, און מען צילט אז יעדער חבר הקהילה זאל זיך אנשליסן מיט א חודש'ליכער סומע. די סומעס לויפן פון א דאלאר און ארויף. וויבאלד מען וויל אז עס זאל זיין א 'קשר של קיימא' און א לאנג-טערמיניגע זאך, מאכט מען זיכער נישט ארויסצוציען פון דעם עולם קיין געלט וואס מען האט נישט, נאר דייקא די סומע וואס א מענטש קען זיך רואיג



**ביי הגאון הגדול רבי משה שטערנבוך שליט"א**

אונטערנעמען.

דאס חודש'ליכע התחייבות פון די בני הקהילה קומט אן צו דעם גבאי'ן פון דער קהילה וואס איז געשטעלט אויף דעם צוועק, און דער גבאי שיקט דעם סך הכל דירעקט צו דער באנק קאנטע פון דעם כולל דורך א ספעציעלער אקאונט, אן דעם וואס עס זאל אראפגיין אפילו א דאלאר פון דעם סכום וואס די קהילה האט צוזאמגעשטעלט דא אין אמעריקע; דאס גאנצע געלט עד פרוטה האחרונה גייט דירעקט צו דעם כולל אין ארץ ישראל, און אין רוב פעלער וועט דאס אנפילן צווישן צען און צוואנציג פראצענט פון דעם כולל'ס בודזשעט וואס דאס איז געוועגליך דער חלק וואס די הנהלת הכוללים מוטשען זיך גאר שטארק צו דעקן, שוין נאכדעם וואס זיי שאפן די איבריגע אכציג-ניינציג פראצענט.

מען לייגט א שטארק געוויכט אז די גאנצע קהילה זאל האבן אן אייניגע שותפות, אחד המרבה ואחד הממעיט, נישט קיין חילוק ווי סאך מען גיבט. דער עיקר איז אז מען זאל געבן א מינימום פון א דאלאר און ארויף יעדן חודש, אזוי אז א יעדער פון דער קהילה זאל זיין א שותף דערין.

אזוי אויך ווייסט נישט דער כולל די סומע וויפיל יעדער פון די בני הקהילה גיבט, נאר זיי באקומען א כלליות'דיגן סכום וואס מען האט צוזאמגענומען פון

↵

# כח היחיד

## אן איינצלנער מענטש מיט א געדאנק - ביז א רעוואלוציע אין דער וועלט

דער גאנצער קהילה אינאיינעם. אזוי פארמיידט מען דעם דרוק פון דארפן געפעלן פאר דעם כולל.

אין דער זעלבער צייט פרובירט מען זייער ארויפצוהייבן דעם כבוד התורה פון דעם חשוב'ן ראש הכולל. מען פארזיכערט אז ער זאל נישט דארפן האבן קיין שום שייכות מיט דער פאנדרעיזינג פון דער קהילה וואס זענען שותפים מיט זיין כולל, כדי ער זאל זיך דארפן ווי ווייניגער פּאָרען מיט דעם חלק הגשמי און קענען זיין פארנומען מיט דעם רוחניות, ווי עס פאסט זיך למען כבוד התורה.

אויך איז דער ציל דערפון אז דער חשוב'ער ראש הכולל זאל באקומען דעם געערטן כבוד הראוי ווען ער קומט באזוכן זיינע שותפים, אן דעם וואס די בני הקהילה און דער ראש הכולל זאלן דארפן פירן איבריגע חשבונות איינער מיט דעם אנדערן.

מיט דער צייט ווערט געווענליך געשאפן גאר א פערזענליכן קשר צווישן די בני הקהילה און די כולל אינגעלייט, און אפטמאל גייט די ידידות ביז אזוי ווייט אז מען פארט איבער'ן ים אנטיילצונעמען אין שמחות איינער ביים אנדערן, און פארשטייט זיך אז מען איז נהנה פון די פרי יגעם ועמלם פון די כולל אינגעלייט ווען זיי זענען מסיים מקצועות אדער געבן ארויס ספרים.

דאס שותפות ווערט געשלאסן איינמאל א יאר פאר די קומענדיגע צוועלף חדשים, און איבער'ן יאר שליסט מען איבער פון פריש דאס שותפות מיט דעם חלק השותפות וואס די בני הקהילה ווילן זיך אונטערנעמען פאר די קומענדיגע צוועלף חדשים.

באופן כללי גייט דער סכום פון די קהילות נאר אויף ארויף, ווען די חשוב'ע בני הקהילה זענען מורא'דיג צופרידן מיט דעם שותפות און זיי זענען מעלין בקודש.

דער געוואלדיגער מהלך פון צוזאמשטעלן אחינו בני ישראל אין חוץ לארץ מיט'ן שטיצן תורה אין ארץ ישראל האט זיך אויסגעשפרייט אויף עטליכע אופנים. עס זענען דא די סארט שותפות צווישן קהילות און כוללים, פון וואס מיר האבן ביז יעצט גערעדט. דערנאך זענען דא גרעסערע ביזנעסער, ווען עס נעמען זיך צוזאם די ארבעטער פון דער ביזנעס און שליסן א שותפות מיט א כולל אין ארץ ישראל. אזוי אויך זענען פארהאן משפחות וואס נעמען זיך צוזאם און שליסן זיך אן מיט א כולל.

ועל כולם געבן זיי אן אפציע פאר בעלי בתים צו שליסן א "יששכר זבולון געשעפט" מיט א בן תורה אין ארץ ישראל. אדאפט-א-כולל האט א רשימה פון גאר געהויבענע אינגעלייט וואס זענען שקוע כל כולו בתוך ד' אמות של הלכה און לעבן בחיי צער און בדחקות, און מען געבט דעם אויסוואל פאר בעלי בתים זיך צו קלויבן א פריוואטן שותף בזה ובבא.

אדאפט-א-כולל האט שוין געשלאסן שותפות מיט קהילות און כוללים פון אלע סארטן קרייזן, מיט קהילות פון אלע סארטן חסידות, אזוי אויך מיט אלע סארט ליטווישע און ספרד'ישע קרייזן פון איבער דער גאנצער וועלט.

די גדולי ישראל פון ארץ ישראל און פון אמעריקע זענען מורא'דיג ענטוזיאסטיש און דאנקבאר פאר דער געוואלדיגער רעוואלוציע פון אדאפט-א-כולל וואס העלפט דעקן די כוללים אין ארץ ישראל און פארמערן תורה אויף דער וועלט, און פילע אדמו"רים ורבנים זענען שוין אריבערגעקומען צו די אפיסעס פון אדאפט-א-כולל צו פערזענליך איבערגעבן זייער הכרת הטוב.

אזוי אויך די ליטווישע און ספרד'ישע גדולים און ראשי ישיבות האלטן זיך אינאיין באדאנקען פאר אדאפט-א-כולל. די ראשי ישיבה פון בית מדרש גבוה,

## פאקטן און ציפערן

- 78 ביזנעסער זענען אנגעשלאסן אין אדאפט-א-כולל.
- 35 מיליאן דאלאר איז די געשאצטע סומע וואס קומט אן צו די כוללים און כולל יונגעלייט אין ארץ ישראל אדאנק אדאפט-א-כולל.
- 520 כוללים האבן שותפים אין זייער תורה איבער דער וועלט.
- 112 בעלי בתים האבן שוין געשלאסן יששכר-זבולון געשעפטן מיט יונגעלייט אין ארץ ישראל דורך אדאפט-א-כולל.
- 21 טויזנט דאלאר איז די גרעסטע סומע פון א קהילה וואס שיקט חודש'ליך צו זייער שותף אין ארץ ישראל.

## מען לייגט א שטארק געוויכט אז די גאנצע קהילה זאל האבן אן אייניגע שותפות, אחד המרבה ואחד הממעיט, נישט קיין חילוק ווי סאך מען גיבט

**שלום ווייס**
845.200.3313 #107



ביי האדמו"ר מוויזניץ שליט"א

הגאון רבי מלכיאל קאטלער שליט"א און הגאון רבי ירוחם אולשין שליט"א, האבן אין צוויי באזונדערע פעלער זיך אמאל אויסגעדרוקט אז די גאנצע מהפיכה פון די מעמדי "אדירי התורה" און "הרמת כבוד התורה" פון די בני תורה איז צו באדאנקען די אדאפט-א-כולל רעוואלוציע, וויבאלד זיי האבן אריינגעברענגט צווישן די בעלי בתים א רוח פון שטיצן תורה און מוקיר זיין רבנן.

וואו עס האלט היינט, ווערט געשאפן דורך אדאפט-א-כולל איבער צוואנציג מיליאן דאלאר א יאר אין דירעקטן שותפות, און נאך קרוב צו פופצן מיליאן דאלאר ווערט בייגעשטייערט צו די כוללים דורך בני הקהילות וועלכע האבן במשך דער צייט אנגעקניפט א גאר נאנטן קשר צום ראש הכולל און זיינע תלמידים, און זיי זענען ווארעם צו שטיצן זייערע תורה'דיגע ברידער ווען אימער זיי האבן אפאר איבריגע דאלאר צו געבן.

די רעוואלוציע ברענגט הילף צו איבער פינף הונדערט כוללים און טויזנטער אינגעלייט, ווען פון דער אנדערער זייט שטייען עטליכע הונדערט קהילות און קרוב צו הונדערט ביזנעסער און נאך צענדליגער משפחות וועלכע שיקן אריין זייערע חודש'ליכע נתינות צו האבן א חלק אין דער תורה וואס ווערט געלערנט מתוך הדחק, מיט א ריינקייט און קדושה, אין ארץ ישראל.




ביי האדמו"ר ממכנובקא-בעלזא שליט"א

די הצלחה פון דעם רעוואלוציענערן געדאנק פון אן איינצלנעם כח היחיד וואס האט זיך נישט געקענט בארואיגן איבער דעם מצב פון א פרוי אין ארץ ישראל, האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין למעלה מן המשוער. עס האט אין אנהויב טאקע אויסגעזען ווי א שטיקל חלום, אבער דאך איז מען נישט געשלאפן בשעת מען האט גע'חלומ'ט, נאר מען האט געטון אויף למעשה. די געוואלדיגע סייעתא דשמיא האט אויסגעברייטערט דעם געדאנק אז עס זאל שטיצן טויזנטער בני תורה מיט זייערע משפחות אז זיי זאלן קענען שטילן זייער הונגער בדרך כבוד, בו בזמן וואס דער כלליות'דיגער כבוד התורה ווערט ארויסגעהויבן און אנערקענט ביי די חשוב'ע בעלי בתים אין חוץ לארץ.

די געוואלדיגע השגחה פרטית וואס זעט זיך אן, מיט אומצאליגע מעשיות וואס די עסקנים פון אדאפט-א-כולל האלטן מיט יעדן טאג, ווייזט זיי ווי חשוב דער הייליגער געדאנק איז אין הימל.

מען קען אנפילן עטליכע ביכער פון מעשיות פון ישועות און הצלחות וועלכע מענטשן האבן געזען דורך זייער אנשליס אין אדאפט-א-כולל. אבער ווי דער עסקן זאגט אונז איז דאס בכלל נישט קיין ענין וואס איז נוגע אין די קארידארן פון אדאפט-א-כולל, ווייל דער פראדוקט רעדט פון זיך אליין און עס פעלט בכלל נישט אויס עס צו פארקויפן דורך הוכחות און מעשיות. די

↵

# כח היחיד

אן איינצלנער מענטש
מיט א געדאנק - ביז א
רעוואלוציע אין דער וועלט

הונדערטער ראשי כוללים וועלכע דעקן זייער בודזשעט א דאנק אדאפט-א-כולל, און די זכי' פון טויזנטער בעלי בתים צו זיין מוקירי רבנן, פארציילן שוין אלעס.

די טעכנישע פעולות פון צוזאמברענגען דאס שותפות און עס באגלייטן ווייטער, ווערט געטון דורך א שטאב פון קרוב צו דרייסיג מענטשן אין די אפיסעס פון אדאפט-א-כולל אין ארץ ישראל און אין לעיקוואוד, און ווי דערמאנט פריער ווערן די אלע לאגיסטישע קאסטן אויסגעהאלטן דורך דער חשוב'ער קבוצה בעלי בתים כדי צו פארזיכערן אז יעדעס דאלאר פון די נדבנים גייט דירעקט צום כולל.

עס זענען פארהאן ארום פופצן הונדערט גבאים וועלכע געבן זיך אפ אין די קהילות צו צוזאמנעמען דאס געלט און עס שיקן קיין ארץ ישראל, און אדאפט-א-כולל האט באזונדערע פראגראמען צו מחזק זיין די עוסקי בצרכי ציבור באמונה.

ווי אויסגעשמועסט פריער איז ממש איבריג ארויסצוברענגען דעם אויפטו און רעוואלוציע פון אדאפט-א-כולל, ווייל די טויזנטער בני תורה וועלכע ערהאלטן זייער חודש'ליכע כולל געלט אין צייט און דערמיט האבן זיי די מינימאלע געלטער צו לייגן ברויט אויפן טיש, זענען עדות אויף דער זעלטענער רעוואלוציע וואס אדאפט-א-כולל האט געשאפן מיט זייער אייגנארטיגן חידוש און מהלך פון צוזאמשטעלן געלט פאר די כולל יונגעלייט.

איבער דעם דארף מען אבער באטאנען נאך א געוואלדיגע נקודה אויף וואס אדאפט-א-כולל שטעלט א געוויכט, וואס דאס איז, ארויסצוהעלפן די ראשי הכוללים מיט'ן לינדערן פון זיי דעם עול הקמח פון שאפן דעם חודש'ליכן בודזשעט. אזוי ארום האבן זיי מער ישוב הדעת און מנוחת הנפש צו עוסק זיין מיט הרבצת התורה, און עס איז מונע פון די תורה'דיגע פערזענליכקייטן זיך דארפן מבזה זיין און ארומקלעטערן צו דעקן דעם בודזשעט.

דער געדאנק פון אדאפט-א-כולל צייגט ווי אזוי א געדאנק און א כח פון א יחיד קען אזויפיל אויפטון אויב מען בלייבט נישט שלאפן נאכן חלום.

טייערע ליינער, איך ווייס אז איר האט שוין אסאך מאל גע'חלומ'ט פון כל מיני גוטע געדאנקען וואס עס וואלט נישט געווען שלעכט עס זאל ווערן אויסגעפירט לידי מעשה. יעצט איז געקומען די צייט נישט צו שלאפן..... K

אויב האט איר א געדאנק פון א פערזענליכקייט וועלכער איז פאסיג צו ווערן באשריבן אין דעם קאלום, ביטע זיך פארבינדן מיט אונז דורכן רופן 845.200.3313 #107 אדער שיקט אן אימעיל צו sw@theyingerman.com

METAFILE
STREAMLINE YOUR BUSINESS WITH METAFILE!

LLC & CORPORATION OWNERS:
BOI REPORT DEADLINE APPROACHING!

We know your time is valuable, reach out today for a simplified process.
Lowest Rates! Inquire about our discounted rates for multiple filings

Contact us today
718-540-7051

info@metafilegroup.com

LLC Filing & Publishing
- Biennial Reports
- Cert Of Assumed Name/ DBA

Corporation Filing
- Cert of Change
- Cert Of Amendment

BOI Reports
- Cert Of Good Standing
- Federal EIN